



טייל פון די
איבער פופציג
בענדער
חידושים
בכתב יד קדשו



# גליון מ'ימיני מיכאל

לזכרו הטהור פון מרן רבינו הגה"ק

## רבי מיכאל אליעזר הכהן פארשלעגער זי"ע

פון באלטימאר

### יוצא לאור ע"י מוסדות 'קהל חסידים' באלטימאר לרגל די הילולא קדישא - ט"ו חשון הבעל"ט

***ראה הקב"ה בצדיקים שהם מועטים, עמד ושתלן בכל דור ודור (יומא ל"ח:)***

איינער פון די גדולים וואס עמד הקב"ה ושתלן קרוב לדורינו איז דער גאון הגאונים, הכהן הגדול מאחיו, מרן רבינו מיכאל אליעזר הכהן פארשלעגער זצוק"ל, וואס טראץ זיין גרויסקייט וואס כל התורה כולה, נגלה ונסתר, איז געווען שגור על לשונו בעל פה, איז ער געווען פארמאכט אין זיין אייגענעם ד' אמות של הלכה אין זיין קליינע הייזקעלע אין שטאט באלטימאר ווי ער האט געהארעוועט בתורה יומם ולילה בקדושה ובטהרה בינו לבין קונו און געשריבען חידושים בכל מקצועות התורה אהן קיין פרסום ביז זיין הסתלקות מיט איבער זעכציג יאר צוריק, ביום ט"ו חשון שנת תשי"ט.

הכל תלוי במזל אפילו ספר תורה שבהיכל, און מיט עטליכע יאהר צוריק איז ערשינען די ספר איבער זיינער תולדות 'מיכאל באחת' וואס איז מגלה טפח איבער דעם אדם הגדול בענקים וואס גדולי דורו פון אלע קרייזן, ווי הרה"ק מסאטמאר, הגאון רבי אהרן קאטלער און נאך (זעה עמוד ב') האבן מפליג געווען איבער זיין זעלטענע גאונות און גרויסקייט... און אזוי אויך גדולי עולם פון פאר'ן קריג ווי הגאון רבי יוסף ענגיל זצ"ל, דער בעל חלקת יואב ועוד, האבן זיך משתעשע געווען מיט איהם אין לערנען און זענען ערשטוינט געווארן פון די גאונות פון דעם יונגען עילוי.

שוין אלס יונג בחור'ל זייענדיג א תלמיד מובהק פונעם הייליגען אבני נזר, האט ער געהאט די זכיה פאר עטליכע יאהר צו לערנען בחברותא מדי יום ביומו פילע שעות מיט זיין גרויסען רבי'ן וואס האט זיך אויסגעדריקט אויף איהם גדולות ונצורות און איהם גערופן בקריאה של חיבה 'מיכאל דער כהן'. די דאזיגע ספר האט אויפגערעש'ט די וועלט שטוינענדיג אז אין די טריפה'נע אמעריקא של פעם האט געלעבט אזוי באהאלטען און באשיידענט אזא אדם גדול בענקים.

א טיפה מן הים פון זיינע חידושים בסוגיות הש"ס איז ערשינען בשנת תשכ"ז אונעם גאונ'ישען ספר תורת מיכאל (יזכר לטוב הגאון הגדול רבי בערל קרויזער זצ"ל ראש ישיבת סקווירא ומח"ס 'דבר המלך' וואס האט מסדר געווען די חידושים לדפוס), אבער עס זענען נאך געבליבען איבער פופציג ריזיגע בענדער (!!!) בכתב יד קדשו, וואס איז נאכנישט געדריקט געווארן צוליב עומק הדברים און די זעלטענע גאונות וחריפות, און אין די לעצטער יאהרן זענען ערשינען עטליכע בענדער תורת מיכאל על פרשיות התורה, און ממש לעצטענס איז ערשינען די דריטע, און לעצטע, חלק על התורה, און די חברי המכון ארבעטן ווייטער פלייסיג אויף נאך כתבים.

תיקצר היריעה מהכיל און עס איז נישט די פלאץ אין די קורצע שורות ארויסצוברענגען אפילו אפס קצהו פון די גרויסקייט פון די הייליגער אוצר וואס אמעריקא האט פארמאגט, אבער שטייענדיג בפרוס די 64'ער יארצייט פון אט דעם ווינדערליכען גאון איז פטור בלא כלום אי אפשר, בפרט נאכדעם וואס אין די לעצטע יאהרן זייטן ערשיינונג פון די ספר מיכאל באחת, און בעיקר אין די לעצטע יאהרן נאכ'ן גרינדונג פון די נייע חסידי'שע קהילה אין באלטימאר - די שטאט וואס שם חלקת מחוקק ספון - איז זיין ציון הקדוש נתפרסם געווארן אלס מקום מסוגל, ווי פילע אידען האבן שוין געזעהן אפענע ישועות, מיט בני חיי ומזוני, ווי אויך מיט זיווגים הגונים.

לעצטע יאר ביים יומא דהילולא קדישא איז צומערשטע מאל פארגעקומען א גרויסארטיגע יארצייט סעודה אינעם חסידישע בית המדרש אין באלטימאר מיט די באטייליגונג פון פילע תושבי ורבני העיר, אריינגערעכנט אויך זקנים וואס געדענקן נאך דעם בעל הילולא - במשך די יארצייט האט זיך אנגעזעהן א ריזן פלייץ פון הונדערטער אידען פון איבער גאנץ ניו יארק וואס זענען געקומען צו פארן, מיט צוגעשטעלטע באסעס אבער אין פריוואטע קבוצות, זיך אויסצובעטן ישועות על הכלל ועל הפרט, להיפקד בדבר ישועה ורחמים, בכוחו של אותו צדיק, און טאקע אין די טעג און וואכן נאכ'ן יארצייט האט מען געהערט פון פילע אידען וואס האבן געזעהן גרויסע ישועות און אלע ענינים.




די פלייץ און שטראם פון אידען וועלכע קומען צו פארן צום ציון הקדוש האלט ווייטער אהן אויך במשך א גאנץ יאר ווען כסדר קומען אידען צו פארן הערענדיג פון אנדערע וואס זענען געהאלפן געווען נאכ'ן זיך אויסגיסן דאס הארץ ביים ציון המצויינת.

אויף דאס יאר גרייטן זיך די עסקנים צו אויף א פיל גרעסערע ציבור און מען לייגט אריין דמים תרתי משמע צו קענן צושטעלן די אלע געברויכן צו אקאמעדירן די ציבור הקדוש (זעה עמוד ג' פאר מעגליכקייטן אטייל צו נעמן אין די גרויסע הוצאות), און עס נאר איבער צו ווינטשן און מתפלל זיין אז זכותו הגדול פונעם בעל ההילולא, און כוח תורתו וקדושתו זאל מגין זיין פאר אלע משתטחים אויפן ציון הק' בפרט און פאר גאנץ כלל ישראל בכלל להיוושע ולהתברך בכל משאלות לבם לטובה ולברכה.

# פון די ווערטער פון גדולי ישראל אויף רבינו זי"ע:



## רבו המובהק הגה"ק בעל אבני נזר זי"ע:

*רבינו זי"ע האט געהאט די זכיה אז טראץ זיין יונגען עלטער זייענדיג א יונג בחור'ל האט זיין גרויסע רבי זי"ע אים אויסגעוועלט צו לערנן מיט איהם בחברותא לאנגע שעות יעדן טאג (לעת זקנותו פונעם אבני נזר וואס ער האט שוין נישט פארגעלערנט קיין שיעורים פאר די תלמידים) פאר עטליכע יארן, און די אבני נזר האט זיך אויסגעדריקט אויף איהם מיט אויסטערלישע הפלגות, צווישען זיי האט ער געזאגט אויף זיין יונגער חברותא אז ער איז א 'גאון הגאונים' (!!!), און אסאך תשובות וואס די אבנ"ז האט געשריבען האט ער קודם געגעבן פאר רבינו זי"ע איבערצוקוקען.*

*רבינו זי"ע זייענדיג בלויז 26 יאהר אלט איז געווען דער לעצטער וואס האט גערעדט אין לערנן מיטן הייליגן אבני נזר ווען ער האט פארענטפערט פארן אבני נזר א קושיא וואס איז איהם שווער געווען גאר אסאך יאהרן, ווי רבינו זי"ע שרייבט אליין אין זיין בריוו צו הרה"ק מסאטמאר זי"ע בזה"ל: הייתי האחרון שדיבר עמו בדברי תורה ותרצתי קושיא אחת, ואמר לי אח"כ בנו יחידו ממלא מקומו אדמו"ר השם משמואל, שהיה אח"כ בביתו ודיבר עמו מזה, ואמר לי שהוא מקנא אותי במה ששימחתי את אביו הקדוש, שקושיא זו היתה קשה לו יותר משלשים שנה, ואני בעזה"י תרצתי לו, וזה היה בתחילת חוליו אשר נסתלק ממנו לחיי עולם, ולא אוכל לצייר את השמחה שהראה לפני במה שנתרצה קושייתו (ראה בספר 'מיכאל באחת' עמוד ל"ה הקושיא והתירוץ), און לויט געוויסע מקורות האט די אבני נזר זיך אויסגעדריקט צו רבינו זי"ע מרוב שמחה: 'די האסט מיר פארענטפערט מיין קושיא, איך וועל דיר פארענטפערן אלע דיינע קושיות בעוה"ב...'*



## מרן רביה"ק מסאטמאר זי"ע:

***אויסצוגען פון די תשובה צום גאון זצ"ל געדרוקט אין שו"ת דברי יואל (או"ח סי' ח'):***

*אל כבוד **הגאון החסיד האמיתי** שליט"א... (דער איינציגסטע מאהל וואס דער רבי זי"ע דריקט זיך אויס מיט אזא טיטל)*

*אחדשה"ט באהבה רבה **כראוי לגברא רבא דכוותיה,***

*הגיענו מכתבו, והיות שלגודל טרדותי לא אוכל להאריך... ובפרט שהוא בלא תועלת **כי מה אוכל לכתוב מה שאינו נגלה לפניו לרוב בקיאותו בחד"ת, והוא כדאי לעצמו לברר לו ההלכה,** אמנם להשיב מפני הכבוד...*

*כתבתי לו דעתי העניה בקיצור נמרץ, ואתו הבחירה לפי דעתו הרחבה...*

*והנני ידידו **בלתי מכירו דורש שלום תורתו באהבה רבה...***

*(עס איז כדאי מעתיק צו זיין לשון קדשו פון רבינו הגאון זצ"ל אין זיין שאלה צום סאטמאר רבי'ן זי"ע: הרב הגאון האדיר הקדוש בכל מיני קדושות, רבן ומאורן של ישראל כ"ק אדמו"ר מסאטמאר שליט"א)*



## מרן הגאון רבי מאיר שפירא זצ"ל, ראש ישיבת חכמי לובלין:

*זייענדיג אין אמעריקא שאפן געלט פאר זיין ישיבה, איז ער ספעציעל געפארן קיין באלטימאר און זיך געטראפן מיט רבינו זי"ע און איהם געבעטן ער זאל ווערן די ראש ישיבה אין ישיבת חכמי לובלין... רבינו האט עס אפגעזאגט און אנשטאט דעם מייעץ געווען צו נעמען ידידו הגה"ק מקאזיגלוב זצ"ל הי"ד.*

*די זעלבער האט פאסירט נאכ'ן הסתלקות פון רבו בעל האבני נזר זי"ע ווען בנו הגה"ק בעל שם משמואל זי"ע האט געוואלט ממנה זיין רבינו זצ"ל אינאיינעם מיטן קאזיגלוב'ער רב זצ"ל ווערן ראשי הישיבה, אבער רבינו זי"ע ברוב ענוותנותו האט נאר מסכים געווען צו זיין א מגיד שיעור.*



## מרן הגאון רבי אהרן קאטלער זצ"ל, ראש ישיבת לייקוואד:

*האט זיך אויסגעדריקט אויף רבינו זי"ע אז ער איז די גרעסטער גאון וואס אמעריקא פארמאגט!*

*זייענדיג אמאל אין באלטימאר און איינער פון די רבני העיר האבען חולק געווען אויף א פסק פון הרב פארשלעגער, האט רבי אהרן זצ"ל איהם געזאגט: איהר זענט טאקע די 'רב' פונעם שטאט, אבער הרב פארשלעגער איז די 'גדול' פונעם שטאט...*





## מרן הגאון רבי אברהם יצחק בלאך זצ"ל הי"ד,
## ראש ישיבת טעלז
## און זיין תלמיד הגאון רבי מרדכי גיפטער זצ"ל

*זייענדיג אין אמעריקא לטובת מוסדותיו איז הגאון רבי אברהם יצחק בלאך זצוק"ל אויך געווען אין די שטאט באלטימאר. ווען ער איז צוריקגעקומען קיין טעלז האט ער פארציילט פאר זיינע תלמידים מיט התפעלות אז זייענדיג אין אמעריקא האט ער געטראפן איין גאון, הרב פארשלעגער פון באלטימאר! ווען די תלמידים האבן געפרעגט פאר הבחור מרדכי גיפטער (א יליד באלטימאר וואס איז געפארן לערנן קיין טעלז עפ"י הדרכתו ועצתו פון רבינו זי"ע, און איז לימים געווארן ראש ישיבת טעלז) מער איבער דעם גאון, האט ער געענפערט: "הלוואי זאלט איהר אלע זוכה זיין א גאנץ לעבן צו לערנען, און אפשר צו קומען צו א ברעקל פון זיין ליגען אין לערנען"*

*לימים, רעדענדיג פונעם הייליגען אבני נזר, האט הגאון רבי מרדכי זצ"ל זיך אויסגעדריגט: א גאון וואס האט מעמיד געווען א תלמיד ווי הרב פארשלעגער זצ"ל דארף נישט קיין שום הסכמה!*




## הגאון רבי אברהם אהרן פרייס זצ"ל בעל משנת אברהם על הסמ"ג:

*אין איינער פון זיינע ספרים ברענגט ער צו א תשובה וואס ער האט באקומען פון רבינו זי"ע ווי ער איז מסביר א פשט אין א שווערן זוה"ק, און שרייבט אויף איהם בזה"ל:*

*ובעמדי בזה שאלתי את ידיד נפשי הגאון האדיר בנגלה ובנסתר, שר בית הזוהר, צדיק יסוד עולם, תלמיד מובהק למרן זצ"ל בעל אגלי טל, כש"ת מוה"ר מיכאל אליעזר הכהן פארשלעגער זצקל"ה, והנני להעתיק בכאן מה שהשיב לי אותו הגאון והמקובל זצ"ל כי חביבים וערבים עלי דבריו מאוד...*



**ווער עס וויל נעמען א חלק אין די גרויסע הוצאות פונעם סעודת הילולא אדער אינעם הילולא בכלל, קען רופען אויף:**

# 845.263.0781

**און די בעל הילולא וועט זיכער נישט שולדיג בלייבן!**










**טייל פון די הונדערטער אידען וועלכער האבען זיך באטייליגט ביים סעודה הילולא און ביים ציון הקדוש ביום ההילולא, ט"ו חשון תשפ"ב.**

## לבקשת הציבור, ווען זיין אי"ה צוגעשטעלט באסעס פון ניו יארק קיין באלטימאר צום ציון הקדוש פון רבינו זי"ע ביום ההילולא.

בכדי צו קענן מסדר זיין אלעס על צד היותר טוב מוז מען באשטעלן א פלאץ ביז זונטאג פרשת וירא 9:00 ביינאכט, דורך רופן: 845-263-0781

**די באסעס וועלן ווילן אין באלטימאר פאר עטליכע שעה און דערנאך צוריקפאהרן קיין נ.י. - די פרייז פונעם באס וועט זיין $40 ראונד-טריפ.**

פאר די וואס ווילן פאהרן אליין, די אדרעסס ארייינצולייגען אין GPS איז:
3701 Southern Avenue, Baltimore MD 21206

**עס וועט זיין צוגעשטעלט טעימה קלה אויפן פלאץ, ווי אויך במשך די גאנצע טאג אין**
**היכל ביהמ"ד קדושת ישראל - כולל קהל חסידים**
**Park Heights Avenue, Baltimore MD 21215 6004**







די ספר תורת מיכאל פון רבינו זי"ע אויף סוגיות הש"ס במהדורה חדשה
וועט זיין צו באקומען ביים ציון הקדוש במחיר מוזל.
ליתר פרטים שיקט א אימעיל צו: machonrf@gmail.com

## הזמנה מילתא היא

הננו בזה להזמין את כל הקהל הקדוש להשתתף בסעודת הילולא רבתי לרגל יומא דהילולא קדישא של הכהן הגדול מאחיו, מרן רבינו הגאון האדיר, רבי **מיכאל אליעזר הכהן פארשלעגער** זי"ע, בעל **'תורת מיכאל'** שאור תורתו וקדושתו האיר את העיר באלטימאר לפני יותר משישים שנה שתתקיים אי"ה בבית המדרש קדושת ישראל-כולל קהל חסידים
6004 park heights avenue.

**ביום ג' וירא, אור לט"ו חשון, בשעה 8:30 בערב**
בהשתתפות גדולי הרבנים שליט"א.

זכותו הגדול והקדוש יעמוד על כל המשתתפים ועל כל בית ישראל להיפקד בדבר ישועה ורחמים

## הושענא ציון המצויינת הושענא



עס וועט פארקומען א 'תפילת רבים' ביים ציון הקדוש ביום ההילולא בשעה 1:30 נאכמיטאג בהשתתפות חברי הכולל, מתפלל זיין על הכלל ועל הפרט להיפקד בדבר ישועה ורחמים, בזכותו הגדול פונעם גרויסען בעל הילולא.

## עשה למען תינוקות של בית רבן



קהל חסידים
דבאלטימור

שטיצט די איינציגע חסידי'שע מוסד אין שטאט באלטימאר - די שטאט ווי רבינו זי"ע האט געהארעוועט על התורה והעבודה בקדושה וטהרה פאר קרוב צו פערציג יאהר - די תלמוד תורה און בית חינוך לבנות 'קהל חסידים' מיט איהרע איבער 130 קינדעלעך בלעה"ר כ"י, וואס טוט באלייכטן די שטאט מיט תורה וחסידות.

א שליח מיוחד פונ'עם מוסד וועט צינדען א ליכט, זאגן א קאפיטל תהלים און לייגען אייער קוויטעל ביים ציון הקדוש ביום ההילולא פארן פרייז פון **$72**, און פאר **$360** וועט מען מזכיר זיין אייער נאמען און צינדען פאר אייך א ליכט יעדע ערב ראש חודש פאר א גאנצע יאהר.

צו מנדב זיין און פאר מער פרטים רופט: 347-674-5318

הפצה בלייקוואוד נתנדב ע"י **דודי לעמבערגער בעל החנות GOKO** להצלחה בכל הענינים

חלק מהוצאות הגליון נתנדב על ידי:

**צענדליגע חסיד'ישע משפחות וואוינען שוין אין רחבות'דיגע הייזער אין באלטימאר! זיי אויך פון זיי...**

**רופט שוין א היימישע מארגעדזש בראקער אין באלטימאר - 845.274.8219**
פאר מער אינפארמאציע אדער צו באקומען די בראשור רופט **443-940-1012** אדער שיקט אן אימעיל צו: **info@kcbaltimore.com**

ASTAR HOME CAPITAL
Chesky Hirschfeld
3517 Taney Rd. | Baltimore, MD 21215
P: 888.278.2711 Ext. 282 C: 845.274.8219
E: CHirschfeld@AstarTeam.com
Astar Home Capital Inc. Registered Mortgage Broker-NYS Dept. of Financial Services. All loans arranged through third party providers. NMLS# 1660331

Wala Marketing / 212.365.0812